# פרשת ויחי ו' – י"ב טבת תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויחי***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודה. אחר התפלה התקיים הברית אצל בן הר"ר **אליעזר דוב סאמעט** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **ישראל לעפקאוויטש** הי"ו (בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו) שהתקיים בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, בשעת יוסף האט זיך געטראפן מיט די ברודער'ס, האט ער זיי געזאגט, והנה עיניכם רואות ועיני אחי בנימין כי פי המדבר אליכם (בראשית מה-יב), ענקערע אויגן זעהן, די מויל וואס רעדט צו ענק. און רש"י שטעלט זיך שוין דערויף, אז כי פי המדבר אליכם הערן די אויערן, און מען זעהט עס נישט מיט די אויגן. און רש"י זאגט, אז עס איז צוויי ענינים. 'והנה עיניכם רואות', הראה להם שהוא מהול, ער האט זיי געוויזן אז ער איז געמל'ט. 'כי פי המדבר אליכם', ער האט גערעדט צו זיי לשון הקודש.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז יוסף האט זיי געזאגט, אז דער חילוק צווישן א יוד און א גוי, איז בדרך כלל אין צוויי ענינים. אין עניני קדושה, יודען זענען די העכסטע מדרגה וואס איז נוגע צו קדושת הברית. די קדושה וואס איז דא ביי יודען איז נישטא ביי אומות העולם. און די ברית הלשון, די שפראך ווי אזוי מען רעדט, איז אויך נישט דא ביי אלע אומות העולם אזא ריינע שפראך ווי די יודישע קינדער רעדן. דאס איידלקייט וואס איז דא אינעם שפראך, און ווי אזוי מען רעדט עס, איז נישט דא ביי אומות העולם. און די צוויי ברית'ן זענען מכוון איינס אקעגן דאס אנדערע.

**יוסף** האט זיי געוואלט געבן א סימן, אז ער איז נישט אזוי ווי די מצריים, נאר ער איז פון די זרע פון יעקב. 'הראה להם שהוא מהול', נישט נאר פשוט פשט אז ער איז מהול, נאר ער האט זיי געוויזען זיין קדושה. און כי פי המדבר אליכם, איר וועט אויפפאסן ווי אזוי איך רעדט צו ענק, וועט איר זעהן, אז עס קען נישט זיין אז א מצרי רעדט אזוי. די שפראך ווי אזוי ער האט גערעדט, איז געווען א שפראך וואס עס פאסט זיך פאר יודען.

**מען** זאגט אויף יודישע קינדער, אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון, דער אייבערשטער האט אונז מרומם געווען מכל לשון, פון יעדע צונג וואס רעדט, פון יעדע שפראך, זענען יודען מער דערהויבן. א גוי רעדט נישט אזוי ווי א יוד רעדט, און א יוד רעדט נישט אזוי ווי א גוי רעדט, עס איז צוויי וועלטן. פון והנה עיניכם רואות, שהראה להם שהוא מהול, און פון כי פי המדבר אליכם, פון דיביידע זאכן זעהט מען, אז איך בין א קינד פון יעקב.

**די** גמרא (חולין פט.) דרש'נט אקעגן רעדן, האמנם אלם צדק תדברון (תהלים נח-ב), מה אומנתו של אדם בעולם הזה, וואס איז די אומנות פון א מענטש אויף די וועלט, יעשה עצמו כאלם, ער זאל זיך מאכט אזוי ווי א שטומער. יכול אף לדברי תורה, תלמוד לומר צדק תדברון, תורה דארף מען רעדן. אבער ביי אלע אנדערע זאכן, דארף א מענטש זיין אזוי ווי א אלם.

**מילה** ווערט אנגערופן אין די גמרא (שבת קלג:) א אומן. מה אומנתו של אדם, וואס איז די אויפטו פונעם אומנתו של אדם, פון די ענין פון מילה. יעשה עצמו כאלם, קדושת הברית ברענגט, אז מען זאל זיך קענען מאכן אזוי ווי א אלם, זיך צוריקהאלטן פון וואס מען דארף נישט צו רעדן.

**אפרים** און מנשה זענען געווען תורה וגדולה, אפרים איז געווען תורה, און מנשה איז געווען גדולה, און וישם את אפרים לפני מנשה (בראשית מח-כ), אפרים איז פאר מנשה. מען דארף טאקע ביידע, אבער א מענטש דארף שטענדיג מקדים זיין דעם אפרים קודם. קודם קומט תורה, און נאכדעם קומט עניני עולם הזה. דער הייליגער **חתם סופר**

זאגט, אז די גמרא (נדרים פא.) זאגט, פארוואס איז דער בית המקדש חרוב געווארן, מפני שלא ברכו בתורה תחלה. זאגט ער, בשעת מען האט געגעבן א ברכה איינער פארן אנדערן, איז נישט געווען די תחלה, די ערשטע ברכה, תורה. נאר מען האט אנגעוואונטשען, אז מען זאל זיין א עושר, און אויך א תלמיד חכם. ביי ערליכע יודען איז פארקערט, מען וואונטשט אן, אז מען זאל זיין א תלמיד חכם און א ערליכער יוד, און דערצו זאל דער אייבערשטער צוגעבן אז מען זאל האבן גדולה אויך. מפני שלא ברכו בתורה תחלה, מען האט נישט מברך געווען קודם אין תורה, ווייל תורה איז נישט געווען ביי זיי די עיקר חשיבות. גדולה איז געווען חשוב'ער דערפון, און וועגן דעם איז געקומען דער חורבן פונעם בית המקדש.

**'אלם'** איז די ראשי תיבות א'פרים ל'פני מ'נשה. מה אומנתו של אדם בעולם הזה, וואס איז די אומנות פונעם מענטש אויף די וועלט, יעשה עצמו כ'אלם', ער זאל זיך מאכן אזוי ווי יעקב אבינו האט געזאגט, וישם את אפרים לפני מנשה, ער האט מחשיב געווען תורה פאר גדולה, דאס איז די אומנתו של אדם, דער עיקר דארף זיין די חשיבות פון תורה.

*

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת '**אלף שעות**' לתלמידי כיתה ט' של התלמוד תורה **בבארא פארק** (תלמידי הרב **מרדכי נפתלי אייזענבאך** שליט"א) שהתקיים בבית המדרש שבבנין הת"ת בוויליאמסבורג.

המסיבה נערכה לכבוד תלמידי הכתה, אשר הקדישו זמן זמנים טובא מזמניהם הפנויים להגות '**אלף שעות**' בלימוד התורה, וברוב יגיעה קיבצו וערכו קונטרסים של '**אלף שאלות ותשובות**' בסוגיות הגמרא שלמדו במשך חמש שנים האחרונים בת"ת. **רבינו שליט"א** נתרגש מאוד למראה עיניו, ובתוך הדברי תורה שהשמיע לפניהם הביע גודל התפעלותו מעבודתם עבודה קשה שבמקדש, ובדברי הדרכה ועידוד חיזק ואימץ את לבבם שימשיכו גם להלאה כהנה וכהנה, ויזכו לעלות מעלות רבות בתורה ויראת שמים. בסיום דבריו חילק **רבינו שליט"א** פרסים לתלמידי הכתה.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** בין זייער נתפעל פון די היינטיגע מסיבה, אז מען האט זיך ב"ה צוגעשטעלט איבערצוחזר'ן וואס מען האט געלערנט. איך קוק אן די ביכלעך וואס מען האט געשריבען, און אזוי שיין ארויסגעברענגט יעדע סוגיא, מיט אזויפיל שאלות און תשובות, טויזנט שאלות און תשובות. איך קען מיך פארשטעלן, וויפיל שעות מען האט אריינגעלייגט דערין, אז מען זאל עס קענען ענטפערן. און עס איז דאך נישט אין די סדר פון די ישיבה, בשעת מען לערנט פאר, און מען דארף איבערחזר'ן, קען מען דאך דאס נישט שרייבען, איז דאך דאס אין די צייטן וואס מען האט אוועקגעגעבן פון פרייע צייט, איז עס באמת א געוואלדיגע חשיבות. איך ווייס נישט, צו איר אליין ווייסט צו שאצן וואס איר האט געטון. וואס דאס מיינט, אז א בחור איז מקדיש זיין פרייע צייט, זיינע שעות, אויף תורה. איבערצוחזר'ן און פארשטיין וואס מען לערנט, זיך צוזאמנעמען אלעס וואס מען האט געלערנט ביז יעצט, און דאס קונה זיין אז מען זאל עס קענען. עס איז א געוואלדיגע תועלת, צו וואס מען איז צוגעקומען.

**איך** וויל עס מחזק זיין, אז מען זאל נישט נאכלאזן, נישט זיין צופרידן מיט וויפיל איך האב יעצט געטון, א יוד דארף זיין א מוסיף והולך, איך בין אנגעקומען ביז אהער, און איך וועל ווייטער אנקומען. איך האב געענדיגט א חלק, די ערשטע דריטל, איך וועל אי"ה ענדיגען אויך דאס צווייטע דריטל, און די דריטע, ביז איך וועל קענען אלעס וואס מען האט געלערנט. עס איז א געוואלדיגע חשיבות, די צייטן וואס מען גיבט אוועק דערפאר. עס וועט קומען אמאל א טאג, איר וועט עלטער ווערן, וועט איר וויסן צו שעצן וואס ענקערע מגידי שיעורים האבען ענק צוגעשטעלט דאס יאר, ווי איר האט געקענט נתעלה ווערן.

**מען** האט פריער גערעדט פונעם נר המערבי, אז מען האט אריינגעלייגט אויל אין אלע נרות, און אלע האבען געברענט ביז אינדערפרי, מערב עד בוקר (שמות כז-כא), און עס איז געווען איין ליכטל וואס האט געברענט לענגער פון אלע אנדערע. אין די צייטן פון שמעון הצדיק האט זיך נישט

אויסגעלאשן דער נר המערבי פערציג יאר, און עס האט שטענדיג געברענט. אין יעדע זאך ליגט א מוסר השכל. אז דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן א נס, אז עס איז שכינה שורה בישראל, האט ער עס געקענט ווייזן ערגעץ אנדערש אויך. ביים שלחן איז אויך געווען א נס, אז די ברויט איז געבליבן ווארעם די גאנצע צייט, און עשרה נסים נעשה לאבותינו בבית המקדש (אבות ה-ה), עס איז געווען צען נסים אין בית המקדש, און אטייל נסים זענען געווען שטענדיג יעדן טאג. פארוואס איז ארויסגעהויבן געווארן דער נס פונעם נר המערבי, אז עס האט געברענט לענגער פון אלע אנדערע.

**די** מנורה ווייזט אויף תורה. אנצינדען די מנורה, ווייזט אויף אנצינדען תורה הק'. נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג), די תורה מיט די מצות איז צוגעגליכן געווארן צו א מנורה. און אהרן איז געווען דער וואס האט מדליק געווען, און אנגעצינדען די מנורה. און מען צינדט אן אסאך נרות, אסאך בחורים קומען אין ישיבה, און זיי זענען נרות להאיר. מיר זענען דא, אז מען זאל אונז אנצינדען, און מיר זאלן לייכטן, און מיר זאלן זיין ווארעם, פארדעם זענען מיר געקומען אין ישיבה. אבער נישט ביי יעדן איינעם בלייבט די ליכטיגקייט אויף שטענדיג. עס איז דא אמאל וואס מען לייגט אריין אויל, מען לייגט אריין שמן, ביי איינעם ברענט עס נאר אזוי לאנג ווי ער איז אין ישיבה. אנשטאט מערב עד בוקר, איז עס נאר מבוקר עד ערב. ווען עס קומט דער ערב, ווערט עס פארלאשן און עס ברענט נישט מער, אין די ישיבה האט ער נישט קיין ברירה, ער מוז לערנען, און ער מוז זיך צושטעלן, ער וויל נישט האבען א שלעכטע נאמען, ממילא מוז ער זיך צושטעלן צו וואס מען לערנט. אבער אז עס זאל אים אנצינדען, אז ער זאל האבען חשק צו לערנען, און א חיות אין לערנען, אז די פרייע צייטן זאל ער אויך אוועקגעבן פאר תורה, דאס האט ער נישט.

**עס** איז אבער דא איין נר, וואס ער ברענט שטענדיג, און ער לייכט שטענדיג. נישט ווייל דער מגיד שיעור האט אים געגעבן מער פון וואס ער האט געגעבן פאר אנדערע. דער מגיד שיעור האט געלערנט אייניג מיט אלע, וואס ער האט איבערגעגעבן פאר ראובן, האט ער איבערגעגעבן פאר שמעון. ער לערנט די זעלבע מיט די גאנצע קלאס, ער לייגט אריין די זעלבע שמן אין יעדע נר, אבער עס איז דאך דא א געוויסע נר וואס לייכט אנדערש פון די אנדערע. ער ווערט נישט אויסגעלאשן, און ער ברענט, און ער לייכט אויך אויף שפעטער.

**וועלכע** נר איז דאס, וואס עס געשעהט ביי אים א נס. דאס איז דער נר המערבי. פארוואס ווערט עס אנגערופן נר המערבי, ווייל די שכינה איז במערב (בבא בתרא כה:), אין בית המקדש איז געווען די שכינה אין קדשי קדשים, וואס איז געווען ביי מערב זייט. דער נר המערבי איז דער סימבאל פון דעם נר וואס שטייט נאנט צו די שכינה, ער וויל זיין נאנט צו די שכינה. **דער נר וואס פירט זיך אויף ערליך, און ער וויל זיין נאנט צום אייבערשטן, ער טוט נישט קיין עבירות, ער וויל נישט אוועקגיין פונעם אייבערשטען, ער פירט זיך שטענדיג אויף איידל און ערליך, ער טוט מצות און מעשים טובים, איך וויל זיין מיטן רבונו של עולם צוזאמען, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך, איך וויל זיין מיטן אייבערשטען צוזאמען, ער איז דער נר המערבי, ער איז דער נר וואס איז צוגעבינדן צו מערב. און דארט ביי דעם נר המערבי וועט געשען א נס, דארט וועט מען אריינלייגען אזויפיל אויל וויפיל מען לייגט אריין אין אנדערע, און עס וועט ברענען לענגער פון א צווייטען.**

**א** בחור וועט אבער זאגען, בדרך הטבע קען איך נישט אנקומען דערצו, מיין קאפ איז נישט אזוי שטארק ווי א צווייטען, מיין זכרון איז נישט אזוי ווי דער אנדערער, מיין שרייבן איז נישט אזוי ווי א צווייטער, איך קען נישט אנקומען, דארט ווי א צווייטער קען אנקומען. זאגט מען אים, אז עס איז נישט אמת. ווייל דארט ווי עס איז דא א נר המערבי, איז דא א נס. נס איז טייטש, א זאך וואס איז חוץ לדרך הטבע, אפילו ווען אין דרך הטבע קענסטו נישט אנקומען, וועסטו זעהן אז דו וועסט אנקומען. אפילו עס ליגט נאר אזויפיל שמן וויפיל מען האט אריינגעלייגט אינעם אנדערן, אבער דו וועסט לייכטן לענגער פון א צווייטען. **ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה, ער וויל**

**פלייסיג לערנען, און תורה איז פארבינדען מיט יראת שמים, עס אינטערסירט אים נישט די גאס, עס אינטערסירט אים נישט וואס עס טוט זיך אינדרויסן, מיר אינטערעסירט נאר איין זאך, אז די יארן וואס איך בין אין ישיבה, וויל איך מקדיש זיין פאר תורה. איך וויל אויסוואקסען א תלמיד חכם, און אן ערליכער יוד, איך נוץ אויס די שעה'ן צו לימוד התורה, און צו דאווענען ווי אזוי מען דארף צו דאווענען, אז די הארץ זאל דארט זיין, ולעבדו בכל לבבכם (דברים יא-יג), איזהו עבודה שבלב, דאס איז תפלה (תענית ב.). תפלה איז נישט א עבודה צו זאגען מיטן מויל, תפלה איז אן עבודה וואס די הארץ זאל זיין דארט. ווען א מענטש איז זיך מקדיש, איך וויל זיך אוועקגעבן צו זיין נאנט צום אייבערשטען מיט תורה און תפלה, באקומט ער אן עקסטערע הארה, ער באקומט אן עקסטערע ליכטיגקייט, וואס אפילו בדרך הטבע וואלט זיך עס געדארפט אויסלעשן, פון דעסטוועגן דאך בלייבט עס לייכטן.**

**און** דאס איז ענקער עבודה, אז איר זאלט אלע משתוקק זיין, איך וויל זיין דער נר המערבי, איך וויל זיין דער, וואס דער אייבערשטער וועט אריינלייגען אין מיר א לעכטיגקייט, מער ווי א צווייטער. איך וועל זיך פירן אזוי ווי א נר המערבי, אזוי ווי דער נר וואס איז נאנט צו מערב, אזוי וויל איך זיך פירן. און ווי עס וועט זיין א נר המערבי, וועט דער אייבערשטער מאכען נסים אפילו שלא כדרך הטבע, אז מען וועט קענען.

**און** ווי מען האט פריער ארויסגעברענגט, אז דער עיקר פון לערנען איז נישט אז מען האט געלערנט, און נאכדעם פארגעסט מען וואס מען האט געלערנט, נאר דער עיקר פונעם לערנען איז, אז מען האט געלערנט, און מען פארשטייט וואס מען לערנט, און מען חזר'ט עס איבער נאכדעם, אז מען זאל געדענקן וואס מען האט געלערנט. חזרה איז אזוי ווי א מענטש וואס זייעט אן א פעלד, ער פלאגט זיך, ער ארבעט, ער אקערט, און ער האט ווייער געמאכט דאס פעלד, אז מען זאל קענען איינזייען דערין. און ער אינוועסטירט דערין, ער נעמט ווייץ וואס מען קען עסן, און ער לייגט עס אריין אין די ערד, און ער מאכט עס קאליע, אלעס מיט א חשבון, ווייל שפעטער גייט דא וואקסען תבואה, און איך וועל האבען אסאך מער. איך לייג יעצט אריין נאר א פאר ווייצלעך, אבער פון די פאר ווייצלעך וועל איך האבען שפעטער הונדערט מאל אזויפיל. עס לוינט זיך אים די אינוועסטמענט, עס לוינט זיך אים די חרישה, עס לוינט זיך אים די זריעה, ווייל ער ווייסט אז שפעטער וועט ער האבען די קצירה, עס וועט אים שפעטער ארויסוואקסען זייער אסאך.

**צום** סוף, נאכדעם וואס ער האט חורש געווען, און ער האט זורע געווען, ווען עס קומט שוין דער לעצטע שטאפל, דער פעלד איז שוין פיל מיט תבואה, און ער דארף יעצט נאר גיין און אפשניידען די תבואה, יעצט ווערט ער פויל. עס איז זייער הייס אינדרויסן, עס איז זומער, ער האט נישט קיין כח, ער גייט זיך נישט יעצט פלאגען, און שטיין א גאנצע טאג אויפן זון, און אפשניידען די תבואה. איז ער א שוטה, א נארמאלער מענטש וועט פארשטיין, אז נאכדעם וואס מען האט זיך געפלאגט חורש צו זיין און זורע צו זיין, וועט מען גיין קוצר זיין.

**א** בחור פלאגט זיך אזויפיל, ביז ער איז חורש, און ביז ער איז זורע. יעדע וואך פון זונטאג ביז מיטוואך איז ער חורש און זורע. ער פלאגט זיך אויף א יעדע שטיקל גמרא, און ער געבט אוועק זיינע שעה'ן אז ער זאל עס פארשטיין. און ווען עס קומט סוף וואך, **ווען ער דארף איבערחזר'ן וואס ער האט געלערנט, דא כאפט זיך אריין דער יצר הרע, און ער לאזט אים נישט צוענדיגען. איך האב שוין געלערנט א גאנצע וואך, איך האב שוין נישט קיין כח. איך בין געווען א גאנצן טאג אין ישיבה, איך גיי יעצט אהיים, איך וויל האבען מנוחה, איך וויל נישט ווייטער. דארט איז די עבודה, יעצט קומט די קצירה, וואס דו לערנסט א גאנצן טאג אין ישיבה, וואס דו לערנסט א גאנצע וואך אין ישיבה, און די כתה ט' האלט יעצט ב"ה ווי מען האט געלערנט א גאנצע יאר, און מיט יארן פארדעם, יעצט איז די צייט קוצר צו זיין, אז ווען מען גייט ארויס סוף פונעם יאר, זאל מען פילן ביי זיך, איך גיי נישט ארויס ליידיג, וואס איך האב געלערנט קען איך, אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו.**

**און** מען קען עס באווייזען, מען זאל נישט מיינען אז מען בעהט א זאך וואס איז נישט מעגליך מען זאל עס קענען באווייזען. יעדער פון ענק קען עס באווייזען, יעדער וואס וועט זיך משתדל זיין, און וועלן צוקומען דערצו, אז סוף יאר זאל ער קענען אלעס וואס ער האט געלערנט, וועט ער זוכה זיין, אז ער וועט קענען. - עס איז נאר דא אזויפיל צו וואונטשען, אז מען זאל נישט מיד ווערן, און נישט נאכלאזן, נאר ווייטער אנהאלטן די זעלבע חיות און חשקות וואס מען האט געהאט אין אנהייב. איר זאלט שטייגען אין תורה און אין יראת שמים, און אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען, און ענקערע עלטערן און ענקערע רבי'ס זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת, און מיר זאלן אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת פאללאק ע"ה (אלמנת הרב רבי **אהרן פאללאק** ע"ה, סופר סת"ם).

***__מתוך השיחה:__***

**א' האבלים:** דער רב האט געלערנט ביים טאטן אין קעמפ.

**רבינו:** איך בין געווען א קליין קינד, איך געדענק גירסא דינקותא, אז ער האט נאכגעזאגט פון רבי, ר' שלום יוסף קליין ז"ל (סופר סת"ם, בעמח"ס **דרך הטובה והישרה**), ער האט אים געהאלטן פאר זיין רבי, אז א חסידישער יוד איילט זיך קיינמאל נישט. ווייל ער האט זיך נישט וואו זיך צו איילן, ער דינט דעם אייבערשטען ווען ער איז דא, און ער דינט דעם אייבערשטען ווען ער איז דארט. עס איז נישט דא פארוואס ער זאל זיך איילן צו גיין פון איין זאך צו די אנדערע.

**א' האבלים:** ער האט אמאל נאכגעזאגט, פארוואס מאכט זיך אמאל ביי א מענטש אז ער איילט זיך, ווייל די נשמה דארף האבען עפעס א חיות. אזוי ווי דער גוף דארף א מזון, אזוי דארף די נשמה אויך א מזון. און טאמער די נשמה זעהט, אז ער טוט עפעס א מצוה און עס איז נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, שיקט אים די נשמה ווייטער, און ער האלט אים אין איין טרייבען, אפשר וועט די אנדערע זאך זיין בעסער. די נשמה האט נישט קיין סיפוק.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי (שו"ע או"ח סימן קנ"ב). לפני השיעור עמד **רבינו שליט"א** – לזמן קצר של תענוג רוחני וקורת רוח – ליד החדר הגדול המלאה בציבור בעה"ב ואברכים ובחורי חמד, שאחר הרבה שעות של עמל ויגיעה עמדו על המבחן השניה על מסכת ברכות ולימוד משניות סדר זרעים שע"י חבורת '**ובהם נהגה**'.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **שלמה וויינשטאק** הי"ו (בן הר"ר **ישראל וויינשטאק** הי"ו), עב"ג בן הר"ר **מרדכי האלפערט** הי"ו, שהתקיים באולם תורה ויראה.

*

***__יום שני פרשת ויחי__***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **זוסיא ארי' ווערצבערגער** ע"ה.

*

***__יום שלישי פרשת ויחי__***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים. לפני התפלה הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **דוד יואל** ני"ו בן הר"ר **ברוך מאיר בראדער** הי"ו.

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **משה הערשקאוויטש** הי"ו (חתן הר"ר **יאיר גרינצווייג** הי"ו, מאנסי) שהתקיים בבית המדרש שאץ. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***__וזה תוכן השיחה:__***

**די** וואך אין די פרשה איז דא די ברכות וואס יעקב אבינו האט געבענטשט די שבטי י-ה, און אלע

דורות פונעם כלל ישראל זענען נכלל אין די ברכה. ווען יעקב אבינו האט געבענטשט יוסף, שטייט צוויי מאל די זעלבע נקודה. ויברך את יוסף, יעקב אבינו האט געבענטשט יוסף, און וואס איז געווען די ברכה, המלאך הגואל אותי מכל רע, יברך את הנערים (בראשית מח-טז), דער מלאך זאל בענטשען די קינדער. און ווען ער האט געבענטשט אפרים און מנשה, האט ער געזאגט פאר יוסף, בך יברך ישראל, מיט דיר יוסף וועלן זיך יודען בענטשן, און מיט וואס וועט מען זיך בענטשען, אז ישימך אלקים כאפרים וכמנשה (שם מח-כ).

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז די חשיבות פון א ברכה איז, ווען עס האט א המשך אויך אויף זיינע דורות שפעטער. ווען א מענטש ווערט געבענטשט, און ער האט אלעס וואס ער דארף צו האבען, אבער ער זעהט נישט אז עס זאל אריבערגיין צו זיינע דורות שפעטער, איז זיין ברכה נישט א שלימות'דיגע ברכה. ווען ער זעהט אבער אז וואס ער האט, גייט אריבער צו זיינע דורות אויך, דאס איז די ריכטיגע ברכה.

**יוסף** איז געווען תורה וגדולה במקום אחד, יוסף איז געווען גרויס אין תורה, ער איז געווען א בן זקונים, כל מה שלמד משם ועבר האט יעקב איבערגעגעבן פאר יוסף (רש"י בראשית לז-ג), און ער האט געהאט גדולה, ער איז געווען משנה למלך, ער איז צוגעקומען צו די העכסטע פאסטן וואס האט געקענט זיין. עס איז א זעלטענהייט אז עס זאל זיין תורה וגדולה במקום אחד, לא כל אדם זוכה לשתי שלחנות (ברכות ה:). און יעקב האט געבענטשט יוסף, אז נישט נאר ער זאל זיין געבענטשט, אז ער זאל אנהאלטן מיט זיין גרויסקייט, נאר עס זאל אויך אריבערגיין צו זיינע דורות ווייטער.

**בך** יברך ישראל לאמר, מיט דיר זאלן זיך יודען בענטשען צו זאגען, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה, אפרים און מנשה האבען ביידע איבערגענומען די גרויסקייט וואס יוסף האט געהאט. אפרים איז געווען גרויס אין תורה, ער איז געווען רגיל לפני יעקב (רש"י בראשית מח-א), און מנשה איז געווען ממונה על הבית (תרגום יונתן בראשית מג-טז), קומט אויס אז מנשה און אפרים האבען ביידע געהאט די תורה וגדולה וואס יוסף האט געהאט. בך יברך ישראל לאמר, אין דיר וועלן זיך יודען בענטשען, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה, נישט נאר אז דער טאטע זאל זיין געבענטשט, נאר די ברכה פון די טאטע זאל אריבערגיין אויף פאר זיינע דורות.

**יוסף** איז געווען געבענטשט מער פון אלע אנדערע שבטים מיט א געוויסע נקודה, וואס די מדריגה איז נישט געווען ביי די איבריגע שבטי י-ה. די איבריגע שבטים, ראובן שמעון לוי און אזוי ווייטער, זענען אלע נתחנך געווארן ביי יעקב אבינו אין שטוב, וואו זיי האבען געזען קדושה און טהרה, איז נישט קיין חידוש אז מען איז אויסגעוואקסען א ראובן מיט א שמעון. אבער יוסף איז אדורך אלע סארט זמנים אין זיין לעבן. אלץ יונג בחור האט מען אים פארקויפט פאר א עבד אין מצרים, ער איז געזעצן ביי פוטיפר אין שטוב, און נאכדעם איז ער געזעצן אין תפיסה אזויפיל יארן, און נאכדעם איז ער געווען דער הויפט פון אומות העולם אין מצרים. איין יוד וואס איז געווען אליין אין די גאנצע סביבה, עס איז נישט געווען נאך איינער מיט וועם ער זאל אפילו קענען רעדן א ווארט.

**און** נישט נאר אז יוסף איז געבליבן מיט זיין צדקות, נאר ער האט געקענט אויפשטעלן אזעלכע קינדער, אפרים מיט מנשה, וואס זאלן זיין אזוי ווי ראובן און שמעון. זיי זענען אויפגעוואקסען אין מצרים, אין ערות הארץ, ווי זיי האבען נישט געהאט מיט וועם צו רעדן. און מען זאל קענען מחנך זיין אזעלכע קינדער, ווען די גאנצע גאס אינדרויסן איז היפך פון די שטוב וואס יוסף איז געווען, דאס איז געווען אן אויסנאם, וואס איז נישט געווען ביי די איבריגע שבטים.

**און דאס איז א ברכה. אז דער אייבערשטער העלפט, אז מען האט אזעלכע קינדער, אז אין וואס פארא מצבים מען איז, רירט מען זיך נישט אוועק פון תורה און עבודת ה', אזוי ווי עס איז געווען ביי אפרים און מנשה. סיי ווען זיי זענען געווען אין מצרים, און סיי שפעטער ווען זיי זענען געווען צוזאמען מיט יעקב אבינו, אייביג זענען זיי געווען אין די זעלבע סארט**

**מדריגה, אזוי ווי זיי זענען געווען פריער.** און דאס איז א ברכה וואס מען ווערט זיך בענטשען ביומא דמהולתא, און מען ווערט זאגען בך יברך ישראל לאמר, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה, סיי ווי מען ווערט זיין, אין וועלכע מקום מען ווערט זיין, זאל מען זיך קענען האלטען ערליך.

**דאס** איז דער ענין וואס דער אייבערשטער האט חותם געווען א ברית אין א יוד. אן אנדערע צייכן, א מעדאל וכדומה, וואס א מענטש באקומט פון א מלך, ווען ער וויל נישט גיין דערמיט, נעמט ער עס אראפ, און דעמאלטס איז ער נישט אן עבד פונעם מלך. דער אייבערשטער האט אבער חותם געווען א חותם בבשרנו, אז ווי מען איז, און ווי מען שטייט, האבען מיר אלץ א חותם פונעם אייבערשטען, אז אין אלע מצבים וואס א מענטש געפונט זיך, דארף ער זיך פירן ערליך, און ער דארף זיין נכנע אונטערן רבונו של עולם.

**ביומא** דמהולתא, בשעת מען לייגט אריין דעם חותם אות ברית אין א קינד, וואס דאס ווייזט, אז דו דארפסט זיין צוגעבינדען צום אייבערשטען. וואו דו ווערסט גיין, און וואו דו ווערסט זיין, דארפסטו זיין צוגעבינדען צום רבונו של עולם, דעמאלטס ווערט מען וואונטשען, און מען ווערט זאגען, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה, דער אייבערשטער זאל העלפן, אז דו זאלסט זיין אזוי ווי אפרים מיט מנשה, וואס אפילו זיי זענען געווען אין אזעלכע מקומות, ווי עס איז געווען שווער צו דינען דעם אייבערשטען, פון דעסטוועגן דאך זענען זיי געבליבן ערליך.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

*

***יום חמישי פרשת ויחי – עשרה בטבת***

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אברהם בראדי** הי"ו (מאנסי). **רבינו שליט"א** האציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***שבת קודש פרשת ויחי***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להרי הקעטסקילס לשהות ב'שבת התוועדות' יחד עם בחורי ישיבתנו הק'.

בתחלה נסע **רבינו שליט"א** למחנה מתיבתא נחלת יעקב בלאק שעלדריק, לראות בגמר מלאכת הבניה בבנין החדש שנבנה בהוד והדר בקרב המחנה לטובת בחורי הישיבה. משם נסע **רבינו שליט"א** למחנה בית רחל בסאוט פאלסבורג לשבות את שבתו עם תלמידי ישבתנו הק'.

לתפלת המנחה בערב שב"ק עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה. אחר כך נשא דברים **הרה"ג רבי משה דוד הורוויץ שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק' בדברי פתיחה בגודל מעלת השבת מרוממת כזו, וראוי לכל אחד לנצל השעות הנעלים של יום השבת כראוי. – בסיום דבריו ירד לפני התיבה לתפלת קבלת שבת.

בסיום התפלה אחר אמירת גוט שבת, נכנס **רבינו שליט"א** לערוך את שולחנו יחד עם תלמידי הישיבה, שעברה ברוב התרוממות הנפש, באמירת דברי תורה ובניגוני שיר ושבח ליום השבת. – בעת הסעודה השמיע דברים בנעימים **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** מנהל רוחני דישיבתנו הק', ובתוך הדברים הביע גודל הזכיה של תלמידי הישיבה שזוכים לקבל השפעה תמידית מאת **רבינו שליט"א** בכל עידן ועידן. אחר כך כיבד להבחור **ישעי' האפפמאן** נ"ו (בן הר"ר **משה יוסף הכהן האפפמאן** הי"ו, ב"פ) באמירת דברי תורה.

במשך הסעודה והבאטע השמיע **רבינו שליט"א** שיחות קודש בדברי מוסר וחסידות מפי ספרים וסופרים בעניני הפרשה. – בברכת המזון נתכבד הראש ישיבה **הרה"ג רבי יעקב טובי' ווייזער שליט"א**. – אחר הבאטע התאספו הבחורים כל כתה וכתה עם המגידי שיעור שלהם, והמשיכו בדברי תורה ובמזמור שיר לכבוד יום השבת.

ביום השבת התפלל 'פסוקי דזמרה' לפני התיבה **הרה"ג רבי יעקב אהרן אויש שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק'. ולתפלת שחרית ניגש **הרה"ג רבי אברהם צוויבל שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק'. – בקריאת התורה נקנו העליות לצוות הישיבה בעד שעות רצופים שנלמדו ע"י חשובי תלמידי ישיבתנו הק'. תפלת מוסף התפלל לפני התיבה **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק'.

בסעודתא דעתיקא קדישא בצוותא חדא עם **רבינו שליט"א** דרש הראש ישיבה **הרה"ג רבי יעקב טובי' ווייזער שליט"א**, בתוך דבריו האריך ביסודות האמונה מפי ספרים וסופרים, ושצריכים תמיד לחזור ולהתבונן בהם. – אחר כך נתכבד הבחור בנש"ק **חיים מאיר כ"ץ** נ"ו נכד **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** באמירת דברי תורה. – אחר שזמרו ניגונים לכבוד יום השבת נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** בברכת המזון על הכוס.

לעת נטו צללי ערב הסיבו תלמידי הישיבה לסעודת רעוא דרעוין שנערכה בהתעוררות רב בחשיכה כאורה. באמירת דברי תורה האריך **רבינו שליט"א** בדברי הדרכה ומוסר לתלמידיו הנאמנים, בשאיפותיו של בחור ישיבה העומד בשנות העליה, שצריך שיהא כל רצונו ואוות נפשו להיות עובד ה' במלא מובן המלה. והדרך להגיע לזה הוא בלימוד התורה בהתמדה ובעיון, ולהתאמץ בעבודה שבלב זו תפלה להתפלל במתינות ובכוונה, ולזה צריכים להרגיל ביותר בשנות הנעורים כשנמצאים בישיבה. וגם לרבות בעבודת המדות בין אדם לחבירו להזהר בכבוד חברים וכדומה. – ובזה יתקדש כל עניני הגופניים לרצון הבורא לשמוח בקיום מצוות ה', ולהתגבר בכוחות הנפש על כל התאוות ועבירות שבאים מיצר לב האדם רע מנעוריו.

***מתוך הדברי תורה בסעודה שלישית:***

**מיר** שטייען יעצט אין די לעצטע מינוטן פון דעם שבת, מיר האבען ב"ה געהאט צוזאמען א הערליכע שבת, עס איז געווען א שבת התעלות פאר יעדן איינעם. להבדיל אלף אלפי הבדלות, יעדער וואס וויל זיך עפעס לערנען, און ער גייט אריין אין א יוניווערזיטעט אדער אין א קאלעדזש, האט ער פאר דעם א ציל, צו וואס ער וויל צוקומען. אז ווען ער וועט ארויסגיין פון דארט, וועט ער דאס קענען. איינער וויל זיין א לויער, איינער וויל זיין א דאקטער, ער וויל קענען א ספעציעלע מעדעצין, לייגט ער זיך אריין די גאנצע קאפ, אין די צייט וואס ער געפונט זיך דארט ווי ער לערנט, כדי ער זאל קענען צום סוף ארויסקומען מיט דעם ציל וואס ער וויל צוקומען.

**א** בחור וואס קומט אין ישיבה לערנען, דארף אויך האבען א ציל, צו וואס ער וויל דערגרייכען בשעת ער גייט ארויס פון ישיבה. וואס וויל ער קונה זיין אין די יארן וואס ער געפונט זיך אין די ד' אמות של הלכה, און מיט וואס וועט ער ארויסגיין שפעטער.

**אין** א פאר ווערטער, איז עס א פאר נקודות. **די שורש דערפון איז, אז ער וויל זיין אן עובד ה'. ער וויל דינען דעם אייבערשטען, ער וויל האלטען די מצות פונעם אייבערשטען, ער וויל וויסען ווי אזוי צו זיין א יוד, ווי אזוי ער זאל קענען אויספירן זיין התחייבות צום רבונו של עולם, צו דעם וויל ער צוקומען.** דער וועג צוצוקומען דערצו, מוז ער אדורכגיין אסאך זאכען, ביז מען קומט צו דערצו.

**די ערשטע זאך איז לימוד התורה. אן תורה קען א מענטש נישט צוקומען אין ערגעץ. לערנען תורה איז דער טייטש, אז ער לערנט תורה ווייל ער דארף וויסען די דרכי התורה, וואס מען דארף טון, און וואס מען דארף נישט צו טון. ער לערנט כדי צו פארשטיין דאס לערנען, אז שפעטער ווען ער וועט ארויסגיין פון ישיבה, זאל ער קענען אליין לערנען, און אליין מדמה זיין מילתא למילתא.** ווי מער מען לערנט בעיון, ווי טיפער מען פארשטייט א זאך, קען ער נאכדעם מער משיג זיין און פארשטיין תורה. און גאנץ תורה איז אויף דעם געבויעט, מען פלאגט זיך אינעם חלק העיון, ווי אזוי מען קען אויסגראדען איין ברייתא מיט די צווייטע ברייתא, ווי אזוי עס ווערט פארענטפערט לויט איין וועג, און לויטן צווייטען וועג, און לויטן דריטע וועג. כמעט יעדע תוספות איז אזוי געשטעלט, א ביאור אין די גמרא, א סתירה פון צוויי גמרות, און קענען מחלק זיין צווישן איין פלאץ און דעם צווייטען. דאס איז דער חלק העיון וואס א יוד דארף האבען אין תורה.

**אסאך** יודען מיינען, אז ביי דעם שטעלט זיך עס אפ. קומען אין ישיבה איז נאר אויף אזויפיל, זיך אויסצולערנען ווי אזוי צו לערנען, און קענען לערנען. דאס איז זיין ציל ווי ער דארף אנקומען. עס האט אבער נאך אסאך אנדערע פרטים אויך.

**דער** ענין פון תפלה. עבודת ה' פון תפלה איז אן עבודה שבלב. עס דאווענט זיך נישט פון זיך אליין. **און כדי מען זאל קענען דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען, צו דאווענען מלה במלה, מען זאל ליגען אין די ווערטער פון די תפלה, און זיך מדבק זיין**

**אינעם אייבערשטען בשעת מען דאווענט, איז דא אן עבודה. און צו דעם דארף מען זיך צוגעוואוינען ווילאנג מען איז יונג. ווען מען גייט ארויס שפעטער פון ישיבה, איז שוין זייער שווער, אז מען זאל זיך דעמאלטס נעמען צו די עבודת התפלה. די עבודת התפלה וואס מען נעמט אין די יונגע יארן, מיט דעם בלייבט מען.**

**נאכדעם**, שמירת התורה והמצות, זיך מקדש זיין, זיך הייליגען דעם גוף, כדי ער זאל קענען זיין דבוק אין די מצות פון די תורה. **וויסען וואס מען מעג טון, און וואס מען טאר נישט טון, און עס קענען אויספירן און מקיים זיין. זיך קענען מונע זיין, און זיך צוריקצוהאלטן, ער זאל האבען די כוחות הנפש, אז ער זאל זיך קענען מתגבר זיין, ווען עס קומט א תאוה אדער אן עבירה. און בשעת ער דארף האבען א טירחא צו טון א מצוה, זאל ער זיך מטריח זיין, און עס זאל נישט זיין ביי אים א שוועריקייט צו טון א מצוה.**

**נאכדעם** איז מדות טובות, בין אדם לחבירו. א מענטש ווערט געבוירן אן מדות, ווי א חיה. ווען א מענטש לאזט אדורכגיין זיין לעבן אן דעם וואס ער ארבעט אויף זיך, איז ער נישט בעסער פון סתם א חיה אין די גאס. מען קען זעהן די אומות העולם ווי אזוי זיי גייען ארום אין די גאס, ממש נישט בגדר פון צורת אדם. **און דאס איז די עבודה פון א יוד, אויסצוארבעטן זיינע מדות, צו זיין איידל, נישט ווייטון פאר א צווייטען, צו טון גוטס פאר אן אנדערן.** און דורך תורה און תפלה, קומט א יוד צו, צו די אלע ענינים וואס א יוד דארף צו זיין.

**און** דאס איז נכלל אין די תפלה וואס א יוד בעהט יעדן טאג ביי אהבה רבה. והאר עינינו בתורתך, ודבק לבנו במצותיך, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך. די ערשטע זאך איז, 'והאר עינינו בתורתך', ווען איך גיי לערנען, זאל מיר דער אייבערשטער געבן הארת עינים אין די תורה, אז איך זאל פארשטיין וואס איך לערן, און איך זאל קענען חזר'ן וואס איך לערן, און עס זאל ווערן איינגעקריצט אין מיין זכרון וואס איך האב געלערנט. 'ודבק לבנו במצותיך', דער אייבערשטער זאל צוקלעבן אונזער הארץ צו טון די מצות פונעם אייבערשטען. ווען מען טוט א מצוה זאל מען זיין דארט מיטן גאנצן הארץ, מיט אהבת ה' און מיט יראת ה'. 'ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך', דער אייבערשטער זאל מייחד זיין אונזער הארץ, אז עס זאל זיין נאר פאר ליבשאפט און פאר מורא פונעם אייבערשטען.

**ליכא** מידי דלא רמיזי באורייתא, מיר ווען איבערשמועסן דעם ענין אין די פסוקים פון די פרשה, מען זאל עס קענען אביסל מער פארשטיין. די פרשה די וואך הייבט זיך אן, ויחי יעקב בארץ מצרים ... (נדפס בגליון דברי תורה).

*

כשעה אחר הבדלה נכנס **רבינו שליט"א** לסעודתא דדוד מלכא משיחא. אחר שזימרו זמירות למוצאי שבת סיפר **רבינו שליט"א** סיפורי צדיקים (מתוך ספר זכרונם לברכה) **מהרה"ק בעל בני יששכר מדינוב, ומהגאון בעל קצות החושן** זכותם יגן עלינו, אשר יומא דהילולא שלהם חל בשבוע הבא. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** מנהל הישיבה. אחר כך עמדו כל הקהל בריקודים של שמחה בתופים ובמחולות.

***וזה תוכן הסיפורים:***

**די** וואך (ח"י טבת) איז די יארצייט פונעם הייליגן **בני יששכר** זי"ע. דער **בני יששכר** איז אוועק יונגערהייט, ער איז אינגאנצן אלט געווען אכט און פופציג יאר בשעת זיין הסתלקות, און ער האט איבערגעלאזט הערליכע ספרים. מען זעהט אז אין **בני יששכר** איז אויף די יום טוב פון חנוכה דא די מערסטע געשריבן. דער **בני יששכר** האט אמאל געפרעגט זיין רבי'ן, דער **רבי פון לובלין**, אז ווען עס קומט חנוכה שפירט ער א גרויסע הארה, און עס קען נישט זיין אז ער שטאמט פון די כהנים בני חשמונאים, ווייל ער איז נישט א כהן און נישט א לוי, קען דאך נישט זיין אז ער שטאמט פון זיי, פארוואס האט ער אזא געפיל צו חנוכה. האט אים דער **רבי פון לובלין** געזאגט, אז בשורש שטאמט ער פון שבט יששכר, זיין נשמה איז געווען פון די בית דין פון די חשמונאים, און וועגן דעם האט ער א שייכות צו חנוכה. און וועגן דעם האט ער א נאמען געגעבן זיין ספר **בני יששכר**, ווייל ער שטאמט פון שבט יששכר.

**פון רבי אלחנן האלפערין שליט"א** האט מען ארויסגעגעבן א ספר **יפה שיחתן**, שרייבט ער, אז ער האט געהערט פון **רבי יענקעלע פון פשעוואַרסק**, אז אין די אמאליגע צייטן איז געווען דער סדר, אז די מיליטער האט נישט גענומען סאלדאטן אזוי ווי היינט, וואס מען רופט אריין יעדן איינעם. נאר מען האט אויף יעדע שטאט ארויפגעלייגט וויפיל סאלדאטן זיי דארפן געבן פאר די מיליטער. און פאר די יודישע קהלה איז געווען א מספר וויפיל זיי דארפן צושטעלן, לויט וויפיל זיי זענען פון די באפעלקערונג. און די ראשי הקהלה האבן געדארפט אויסקלויבן פון די בחורים וואס זענען געווען, וועם מען שיקט אין מיליטער און וועם נישט. [עס איז דא דערויף א תשובה אין **חתם סופר**, צו מען האט רעכט עס צו טון, און צו עס איז אויסגעהאלטן, אין דוחין נפש מפני נפש (סנהדרין עב:). מען נעמט איין נפש און מען לאזט אים דא, און מען נעמט אן אנדערן נפש און מען שיקט אים אוועק]. און על פי רוב פלעגט עס צו פאלן אויף די ארימעלייט וואס האבן נישט געהאט קיין געלט זיך אויסצולייזן, און מען האט גענומען זייערע קינדער משלים צו זיין דאס וואס מען האט געדארפט שיקן אין מיליטער. אזוי איז געווען אין עסטרייך. דער פאטער פונעם **בני יששכר** האט געהייסן רבי פסח פראכניקער. מען האט אים געהאלטן פאר א פשוט'ער יוד, און אים האט מען אויך צוגעשטעלט, אז איינע פון זיינע קינדער מוז ער איבערגעבן פאר די מיליטער, און ער האט אויסגעקליבען דעם **בני יששכר**, אז אים שיקט ער אין מיליטער.

**האט** רבי אלחנן געזאגט, אז לכאורה פון די מעשה קוקט אויס, אז ער איז געווען א פשוט'ער יוד. ער האט אויסגעקליבן אזא געלונגען קינד ווי דער **בני יששכר**, אז אים זאל מען שיקן אין מיליטער. אבער ער האט געהערט אז דער **מיטעלער בעלזער רב, רבי יהושע'לע**, פלעגט צו שיקן אויף דעם קבר פון רבי פסח, ווען מען האט געדארפט האבן א ישועה, אז מען זאל דארט מתפלל זיין. מוז זיין אז ער איז נישט געווען אזא פשוט'ער יוד, נאר ער איז געווען אן אדם גדול, א צדיק נסתר. און פארוואס דען האט ער אויסגעקליבען אז מען זאל שיקן דעם **בני יששכר**, ווייל אזוי ווי ער האט געוואוסט אז דער **בני יששכר** איז אן איש קדוש, האט ער געוואוסט, אז אים וועט זיכער פאסירן עפעס א נס אז ער וועט פטור ווערן פונעם מיליטער, וועגן דעם האט ער גענומען דאס קינד וואס האט געהאט די גרעסטע זכותים, און אים האט ער איבערגעגעבן אז מען זאל אים טראגען.

**דער בני יששכר** האט זיך אויסבאהאלטן וויפיל ער האט געקענט, אבער די זשאנדארן האבן אים געטראפן, און מען האט אים געטראגען מיט שמירה, צוויי סאלדאטן זענען געגאנגען מיט אים, אים איינרוקן אין מיליטער. דער **בני יששכר** איז געגאנגען פאראויס, און די צוויי סאלדאטן זענען געגאנגען אונטער אים מיט געווער, אז ער זאל נישט קענען אנטלויפן.

**ביי** די שטאט פראכניק איז געווען א טייך, און מען האט געדארפט אדורכגיין א בריק. ווען מען איז אדורך די בריק, איז דער **בני יששכר** געגאנגען פון פאראויס, און ווען ער איז שוין אראפגעגאנגען פון די בריק, און די צוויי סאלדאטן זענען נאך געווען אויפן בריק, האט זיך די בריק צובראכן, און די צוויי סאלדאטן זענען ארייגעפאלן אין וואסער. ווען דער **בני יששכר** האט עס געזען, איז ער אנטלאפן פון דארט, און ער איז געפארן צום **רבי ר' מענדעל'ע קיין רימנוב**, און ער איז געבליבן דארט א לענגערע צייט.

**רבי יענקעלע** האט צוגע'ענדיגט, אז ווען די אייניקלעך פונעם **בני יששכר** פלעגן פארן אויף דעם בריק, פלעגן זיי זאגען, ברוך שעשה נסים לאבותינו במקום הזה. דער **בלאזשוב'ער רב** איז אויך געווען אן אייניקל, און ער האט געוואוסט פונקטליך וואו דער פלאץ איז געווען, און ווען ער פלעגט דארט אדורכצוגיין האט ער געזאגט, ברוך שעשה נסים לאבותינו במקום הזה.

*

**דער תולדות אהרן רבי** שרייבט אין זיין ספר **דברי אמונה**, אז ער האט געהערט פונעם **הוניאדער רב, רבי ישראל פריינד**, אז דער **בני יששכר** איז געווען רב אין מערערע פלעצער, זיין ערשטע רבנות איז געווען אין די דערפל ריביטיטש. אמאל איז

אויסגעקומען פארן **בני יששכר**, אז ער איז געווען שבת פרשת וישלח, אין א גרעסערע שטאט נעבן דעם, וואס האט געהייסען ווילקאלטש. דער **בני יששכר** איז געווען דער בעל קורא, און בשעת ער איז צוגעקומען צו דעם פסוק (בראשית לב-לג) על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה, האט ער עס געליינט מיט א גרויס התלהבות. און עס איז דארט געווען א יוד וואס האט געהייסען רבי יוסף טארלר, און ער האט געמאכט א הלצה, און ער האט געזאגט, אז נאך א מזל אז דער מלאך האט צוגערירט נאר אין די גיד הנשה, וויל ווער עסט דען גיד הנשה, עס האט ממילא נישט א טעם. אבער ווען ער וואלט צוגעריט צו די שפיץ ברוסט, וואס דאס איז די גוטע פלייש וואס איז דא אין די בהמה, וואלט אויסגעקומען אז מען וואלט נישט געקענט עסן מער דעם גוט שטיקל סטע"ק וואס איז דא דארט. און עס איז געווארן א געלעכטער פון דעם הלצה וואס ער האט געזאגט.

**דער בני יששכר** האט באמערקט אז מען לאכט אינמיטן ליינען, ווען מען האט גע'ענדיגט ליינען, האט ער געפרעגט פארוואס מען האט געלאכט. האט מען אים געזאגט, וואס רבי יוסף האט געזאגט. האט דער **בני יששכר** געזאגט, אזוי האט ער געזאגט?! איך בין בטוח אז ער וועט זיך שמד'ן. ער האט חוזק געמאכט פון די תורה, אז ווען דער מלאך וואלט צוגערירט אויף אן אנדערע פלאץ, וואלט מען פארלוירן א גוט שטיקל פלייש צו עסן. רבי יוסף האט עס געהערט, און ער האט זיך זייער געבייזערט, אויף דעם וואס דער **בני יששכר** האט געזאגט, אז ער גייט זיך שמד'ן. און ער איז געפארן צום **ראפשיצער רב**, און ער האט אים פארציילט אז עס איז דא א רב אין ריביטיטש, און ער זאגט אויף מיר, אז איך גיי זיך שמד'ן. האט דער **ראפשיצער רב** געזאגט, אזוי האט ער געזאגט?! נו, מצוה לשמוע דברי חכמים (יבמות כ.), אז ער האט אזוי געזאגט, איז א מצוה דו זאלסט דיך שמד'ן.

**עס** האט נישט גענומען לאנג, און ער האט זיך געשמד'ט. און ער איז שפעטער געווען געשטעלט פון די רעגירונג, אויף די צענזור. אמאל האט מען נישט געקענט ארויסגעבן א ספר, ביז מען האט באקומען א הסכמה פון די רעגירונג. זיי האבען איבערגעקוקט וואס מען דרוקט, און וואס עס איז זיי נישט געפעלן האבען זיי ארויסגענומען. און דער רבי יוסף אזוי ווי ער איז געווען א יוד, האט ער דאך געקענט לערנען, האט מען אים געשטעלט, אז אויף די יודישע ספרים זאל ער באשטעטיגן וואס מען מעג דרוקן.

**יארן** שפעטער ווען מען האט געוואלט דרוקן דעם **בני יששכר**, האט ער נישט געוואלט געבן רעכט אז מען זאל דרוקן דעם **בני יששכר**. און ער האט געזאגט, אז וועגן אים בין איך געווארן א משומד. און די ערשטע **בני יששכר** וואס מען האט געדרוקט, האט מען געדרוקט אן דעם שער בלאט פון וועם עס איז, וויל ווען ער וואלט געוואוסט ווער דער מחבר איז, וואלט ער עס נישט אדורכגעלאזט אז מען זאל עס דרוקן.

*

**דער ראחמיסטריווקער רבי** האט פארציילט, אז אין די אמאליגע צייטן איז געווען דער סדר, אז עס איז נישט געווען א תלמוד תורה אין די שטעט, נאר מען האט געדינגען א מלמד וואס זאל לערנען מיט די קינדער וואס זענען אויפגעוואקסן אין די שטעטלעך. די עשירים וואס האבען זיך געקענט ערלויבן, האבען געדינגען א מלמד פאר איין אדער צוויי קינדער, מען האט צוזאם גענומען די פאר קינדער, און מען האט געלערנט מיט זיי. אבער די ארימע יודען וואס האבען קוים געהאט געלט צו לעבן, האבען נישט געהאט קיין געלט צו צאלן פאר א מלמד, האבען די קינדער געלערנט נאר אביסל עברי און טייטש, וויפיל זיי האבען געקענט, און דאס איבריגע האבען זיי נישט געקענט. און זיי זענען ארויסגעגאנגען ארבעטן, וויל עס איז נישט געווען ווער עס זאל מיט זיי לערנען.

**דער בני יששכר** האט איינגעפירט ביי זיך אין שטאט, אז עס זאל זיין א קופה של צדקה, און מען האט עס גערופן תמכין דאורייתא. אז די עשירים זאלן געבן געלט, אז מען זאל דינגען מלמדים, פאר די אלע קינדער וואס די עלטערן קענען נישט צאלן, אז מען זאל מיט זיי לערנען. און דער **בני יששכר** האט געוואלט אז דאס זאל ווערן איינגעפירט אין מערערע מקומות, און נאכדעם

וואס דער **בני יששכר** האט עס איינגעפירט ביי זיך אינעם קליינעם שטעטל ריביטיטש, האט ער ווי ער האט געהערט אז א רב איז נסתלק געווארן, און מען זוכט א נייעם רב, פלעגט ער זיך צו מעלדען אז ער איז גרייט אנצונעמען די רבנות, כדי ער זאל אהינגיין אויף א שטיק צייט, און ער זאל דארט איינפירן זיין תמכין דאורייתא. און ווען ער האט עס דארט איינגעפירט, איז ער געגאנגען אויף א צווייטע פלאץ, און אזוי איז ער ארומגעפארן אין מערערע שטעט, און ער איז אלץ געווען רב אויף איין יאר, ווילאנג ער האט איינגעפירט די תמכין דאורייתא, און נאכדעם איז ער געגאנגען אויף א צווייטע פלאץ.

*

**עס** שטייט אין ספר **לחם עני** פון א בלאזשוב'ער חסיד, אז דער **בעלזער רב**, דער **שר שלום**, פלעגט זיך צו לייגען שלאפן זייער שפעט ביינאכט. און אסאך מאל פלעגט ער צו זאגען בעפאר ער איז זיך געגאנגען לייגען, דער **דינוב'ער רב**, דער **בני יששכר**, איז שוין אויפגעשטאנען, און עס איז שוין דא ווער עס זאל היטן אויף די שטאט, און ער קען זיך שוין גיין לייגען.

**והוסיף רבינו:** דער **מונקאטשער רב זאל זיין געזונט**, האט מיר פארציילט, אז ער איז אמאל אלץ יונגערמאן אריינגעגאנגען צום **סאטמאר'ער רב ז"ל** מוצאי שבת, און עס איז שוין געווען שפעט, איינס אזייגער ביינאכט, און דער גבאי האט אים געבעטן, אז ער זאל נישט לאנג אויפהאלטן, ווייל דער רבי איז מיד פון א גאנץ שבת, און ער דארף זיך לייגען. און דער **סאטמאר'ער רב** איז געזעסן און געשמועסט מיט אים געמיטלעך, א שעה צוויי, ביז עס איז געווארן נאנט צו פארטאגס. און דער **סאטמאר'ער רב** האט זיך אויפגעשטעלט, און צוגעגאנגען צום פענסטער, און ער האט ארויסגעקוקט, און ער האט געזען ווי אזוי יודען שטייען שוין אויף, און מען גייט לערנען. האט ער געזאגט, נו, יודען גייען שוין אין בית המדרש, קען מען זיך גיין לייגען. - ער האט זיך נישט געוואלט לייגען, ביז יודען שטייען שוין אויף צום דאווענען, אז עס זאל זיין א שמירה אויף די שטאט. עס איז ענליך צו די מעשה, אז דער **בעלזער רב** האט זיך נישט געלייגט, און פארטאגס האט ער געזאגט, אז ער קען זיך שוין לייגען, ווייל דער **דינוב'ער רב** איז שוין אויפגעשטאנען.

*

**דער גאלאנטער רב** שרייבט אין **אור פני יהושע**, אז דער **בני יששכר** האט געזאגט, אז א טאג וואס ער האט נישט געזאגט אהבה רבה אדער אתה חונן מיט כוונה, האט ער דעם טאג נישט געקענט מחדש זיין געהעריגע חידושים, אין הלכה און אין אגדה.

*

**דער בני יששכר** האט געזאגט, אז עס שטייט אין מדרש (איכ"ר ב-יג), אז ווען איינער זאגט א דבר חכמה, אפילו באומות העולם, ווערט ער אנגערופן א חכם. בגוים אין תורה, ביי גוים איז נישט דא קיין תורה, אבער חכמה איז דא ביי גוים. און דער **בני יששכר** פלעגט צו זאגען אויף די אלע וועטער נביא'ס, וואס מען רופט די מעטראלאגין, וואס זיי זאגען אז עס וועט קומען רעגן אדער שניי און אזוי ווייטער, פלעגט ער צו זאגען אזוי, 'די שקצים'לעך ווייסען מיט זייער חכמה וואס עס וועט זיין, צו עס וועט קומען רעגן, צו עס וועט נישט קומען. וואס זאלן זיי אבער טון, טאמער זיי זאגען אז עס וועט נישט קומען קיין רעגן, און א יוד שטעלט זיך דאווענען פארן אייבערשטען, און ער וויינט זיך אויס ביי תהלים, אז ער דארף האבען רעגן, און זיין תפלה ווערט אנגענומען'. זיי קענען זאגען בדרך הטבע וואס עס וועט זיין, אבער צו עס וועט זיין אזוי אין מציאות, דאס קענען זיי נישט זאגען. - מען זעהט טאקע אסאך מאל וואס זיי זאגען מיט זייער חכמה, און זיי טרעפן נישט צו. עס קען זיין אז זיי האבען צוגעטראפען, זיי זענען געווען חכמים, זיי האבען געוואוסט ווי אזוי מען טרעפט עס. אבער ווען א יוד איז מתפלל וועגן געוויסע סיבות, ווערט געטוישט דער סדר ווי אזוי עס איז אויבן אין הימל.

*

**דער מנחת אלעזר** האט פארציילט, אז ער האט געהערט פון זיין שווער, **רבי יעקב משה קאמארנער**, אז ווען עס איז ארויסגעקומען דער ספר **בני יששכר**, האט **רבי אייזיק'ל קאמארנער**

געזעהן דעם ספר, און ער האט אריינגעקוקט דערין, און עס איז אים איינגעפאלן געוויסע הערות אויף די ווערטער פונעם **בני יששכר**. און ער האט געוואלט נעמען א פעדער, און צושרייבן אויפן גליון די הערות וואס ער האט געהאט אויפן **בני יששכר**. און **רבי אייזיק'ל קאמארנער** האט איינגעדרימלט, און ער האט געזען אין חלום, אז ער געפונט זיך אויבן אין הימל, אין עלמא דקשוט, און ער זעהט אסאך מענטשען לויפן. האט ער געפרעגט, פארוואס לויפט מען. האט מען אים געזאגט, אז מען לויפט צום היכל פונעם **בני יששכר**, ווייל מען האט אויסגערופן, אז דער **בני יששכר** גייט האלטן א דרשה, ווילן זיי הערן די דרשה. האט ער אנגעהויבן מיט צו לויפן צוזאמען מיט זיי, אבער זיי האבען שוין נישט געהאט א גוף, האבען זיי געקענט גיין שנעלער, און ער האט זיי נישט געקענט דערגרייכן.

**ווען** ער איז אנגעקומען צום היכל פונעם **בני יששכר**, איז שוין געווען פארמאכט די טיר, און דער שומר הפתח איז געשטאנען דארט, האט ער געבעטן דעם שומר הפתח זאל אים אריינלאזן. האט ער אים געזאגט, אז ער לאזט אים נישט אריין. ווייל אזוי ווי דו ביזט געווען בן דורו פונעם **בני יששכר**, און דו האסט זיך נישט משתדל געווען בחייו, אז דו זאלסט קענען דעם **בני יששכר**, לאזט מען דיך נישט יעצט אריין אין זיין היכל. האט ער געבעטן, אז מען זאל אים כאטש לאזן אריינקוקען דורך די לאך פון די טיר, זעהן וואס עס טוט זיך דארט. האט ער געזאגט, אז איך האב אריינגעקוקט, און איך האב נאר געזען די פוס פונעם **בני יששכר**, און עס האט געלאכטן כשמש בצהרים, און ער האט זיך אויפגעוועקט. האט ער געזאגט, אויב דער **בני יששכר** איז אזוי גרויס, בין איך נישט כדאי צו שרייבן הערות אויף זיין ספר, און ער האט נישט צוגעשריבן.

*

**מען** האט געזאגט אויפן **בני יששכר** אז ער האט געהאט צוויי מוחות, ער האט געקענט אויסהערן און רעדן מיט א יוד, און מיט די הענט האט ער געשריבן. - איך האב געהערט פונעם **קלויזענבורגער רב ז"ל**, אז דער **בני יששכר** האט א גאנצן טאג געשריבן, און פרייטאג נאכמיטאג האט מען אים געדארפט דערמאנען, אז עס קומט שבת, און ער זאל אויפהערן צו שרייבען, אזוי איז ער געווען אריינגעטון און געשריבן זיינע ספרים. - און ער פלעגט אסאך מאל רעדן צו יודען וואס זענען אריינגעקומען, און מיט די הענט האט ער געשריבן זיינע ספרים.

**אמאל** איז געווען א יודענע, וואס פלעגט צו פארן צום **בני יששכר**, און ווען דער **בני יששכר** איז נסתלק געווארן האט זי געזוכט א רבי'ן וואו צו גיין, איז זי אריבערגעפארן צום **צמח צדיק פון וויזניץ**. ווען זי איז געקומען די ערשטען מאל צום **צמח צדיק**, האט זי אראפגעלייגט א קוויטל מיט א פדיון נפש, און ער האט איר אנגעוואונטשען. רופט זיך אן די יודענע, איר זענט נישט אזוי ווי דער פריערדיגער רבי איז געווען. דער צמח צדיק האט נישט פארשטאנען וואס זי מיינט. האט זי געזאגט, אז ווען איך פלעג צו גיין צום פריערדיגען רבי'ן, דער **בני יששכר**, וואס איך האב גערעדט צו אים, און איך האב אים געבעטן, האט ער זיך פארצייכנט אין א ביכל, אבער איר פארשרייבט גארנישט. דער **בני יששכר** פלעגט צו שרייבן דברי תורה בשעת ער האט גערעדט צו איר, און זי איז געווען אזא תמימות'דיגע, אז זי האט געמיינט, אז דער **בני יששכר** שרייבט זיכער וואס זי זאגט אים. האט זי געזאגט, אז ווען איך האב גערעדט צום **בני יששכר**, האט ער פארשריבן וואס איך זאג.

*

**א** טאג שפעטער (י"ט טבת) איז די יארצייט פונעם **קצות החושן**. ער איז נישט געווען א חסידישער רבי, אבער ער איז א רבי פון כלל ישראל. גאנץ כלל ישראל לערנט זיין תורה.

**דער קצות** האט געשריבן מערערע ספרים, דעם **קצות החושן** האט ער געשריבן אויף חושן משפט, און דעם **אבני מילואים** האט ער געשריבן אויף אבן העזר. און מען האט געפרעגט דעם **קצות**, פארוואס זיין ספר **קצות החושן** איז מער אנגענומען געווארן אין די וועלט, ווי זיין ספר **אבני מילואים**, כאטשביידע זענען פונעם זעלבן מחבר. און די גרעסערע פלא איז, אז די **אבני מילואים** האט ער געשריבן

נאכן **קצות החושן**, ווען ער איז שוין געווען עלטער, ווואלט עס געדארפט זיין נאך שטערקער פונעם **קצות**, און פארוואס איז די **קצות** מער אנגענומען אין די וועלט, ווי דער **אבני מילואים**.

**האט** דער **קצות** געענטפערט, ווייל דעם ספר **קצות** האט ער געשריבן אין די יונגע יארן, ווען ער איז געווען אן עני ואביון, און ער האט נישט געהאט וואס צו עסן, און ער האט געלערנט תורה מתוך הדחק, איז עס געווארן אנגענומען. אבער דעם **אבני מילואים** האט ער שוין געשריבן אין די שפעטערדיגע יארן, מן הסתם איז ער דעמאלטס אויך געווען אן עני ואביון, אבער נישט אזוי גרויס ווי ער איז געווען פאר דעם, וועגן דעם איז עס נישט אזוי אנגענומען געווארן, ווי די תורה מתוך הדחק וואס ער האט געלערנט.

*

**איינער** איז אמאל צוגעגאנגען צו **רבי איסר זלמן מעלצער**, דער **אבן האזל**, און ער האט אים געזאגט א הערה, אויף א חידוש וואס ער שרייבט אין זיין ספר **אבן האזל** אין הל' לוה ומלוה. **רבי איסר זלמן** האט אים אויסגעהערט, און ער האט אים געזאגט, איך וויל אייך עפעס פארציילען.

**איך** האב אמאל געשריבן א בריוו פאר **רבי חיים עוזר**, און איך האב אים געפרעגט, פארוואס ער דרוקט נישט זיינע חידושים וואס ער האט געשריבן. האט ער מיר גע'ענטפערט, אז כדי ער זאל קענען ארויסגעבן זיינע כתבים, מוז ער נאכאמאל איבערלערנען אלעס וואס ער האט געשריבען, און עס געהעריג מסדר זיין, און מאכען שינויים און תיקונים אין געוויסע זאכען, און ער האט נישט קיין צייט דערויף. ער איז פארנומען מיט די שטאט אין ווילנא, און ער האט נישט קיין מעגלכקייט איבערצוגיין די חידושים, און וועגן דעם דרוקט ער נישט וואס ער האט געשריבען.

**האט רבי איסר זלמן** צוריק גע'ענטפערט פאר **רבי חיים עוזר**, אז דאס וואס ער זאגט, אז ער האט נישט קיין צייט איבערצוגיין זיינע כתבי יד, דאס איז נישט קיין חסרון פארן ספר, נאר א מעלה פארן ספר. ווייל ער לאזט איבער ארבעט פאר אנדערע, אז זיי זאלן אויך קענען טראכטען בשעת זיי לערנען זיין ספר, מיט א מחשבה צו גיין ווייטער דערמיט. אז עס איז נישט ארויסגעשריבן געהעריג מסודר, איז דער וואס לערנט עס, טראכט עס איבער, און דורך דעם וואס ער טראכט עס איבער, איז ער בודק צו עס איז יא אויסגעהאלטן אדער נישט. עס איז נישט א חסרון, אויב עס איז נישט געשריבען געווארן אינגאנצן מסודר.

**האט רבי איסר זלמן** צוגעגעבן, און ער האט געזאגט אזוי. ווען מען לערנט **קצות**, און מען לערנט עס בעיון, און מיט א טיפקייט, קען מען גרינג נתעלה ווערן. ווייל דער **קצות** האט איבערגעלאזט פלאץ אין זיין ספר, אז מען זאל קענען דן זיין, און מהרהר זיין אין וואס ער האט געשריבן. אבער ווען מען לערנט **רבי עקיבא איגר**, איז נישט שייך אז מען זאל זיך אוועקרוקען, אפילו א פונטעלע, פון וואס ער שרייבט. ווייל ער האט אלעס אזוי ארויסגעברענגט, און מברר געווען, אז ער האט נישט איבערגעלאזט קיין מקום, אז מען זאל קענען מערער זיין אויף א חידוש וואס ער האט געשריבען. עס איז אזוי געשריבען געווארן, אזוי ווי א מענטש ווייסט, אז צוויי מיט צוויי איז פיר, אזוי איז געשריבען געווארן דער **רבי עקיבא איגר**. און וועגן דעם, ווען מען לערנט **קצות**, איז די עליה א גרעסערע עליה, ווי ווען מען לערנט **רבי עקיבא איגר**, ווייל ער האט איבערגעלאזט פלאץ פארן מענטש, אז ער זאל קענען טראכטען פאר זיך אליין אויך. - **רבי איסר זלמן** האט געמיינט ארויסצוברענגען, אז עס איז גוט ווען עס איז דא א הערה אויף א ספר, און עס איז נישט עק וועלט, ווייל ער האט עס אזוי געשריבן, אז מען זאל קענען צוגעבן דערצו.

*

**אמאל** איז געקומען איינער צום **קצות**, און ער האט אים געזאגט, אז ער האט געשריבען א קונטרס מיט אסאך קשיות אויפן **קצות**. האט אים דער **קצות** געענטפערט, איך וועל אייך אפשרייבן. האט ער פארשטאנען, אז דער **קצות** וועט אים שרייבן א תשובה אויף דעם וואס ער האט מעיר געווען. עס איז אדורך א שטיק צייט, און ער האט נישט באקומען א ענטפער פונעם **קצות**. האט ער

געפרעגט דעם **קצות**, איר האט דאך מיר געזאגט, אז איר וועט מיר ענטפערן.

**האט** אים דער **קצות** געזאגט, איך האב געמיינט עפעס אנדערש. איך האב געמיינט צו זאגען, אז ווען דו וועסט מאכען א **קצות**, וועל איך אויך שרייבען הערות אויף דעם וואס דו האסט געשריבען. עס איז גרינג צו שרייבען הערות, אויף א זאך וואס יענער האט זיך געפלאגט דערויף. ווען דו וועסט קודם שרייבען א **קצות**, וועל איך דיר אויך אפשרייבען, אזוי ווי דו האסט מיר געשריבען.

*

**דער צמח צדק** האט פארציילט, אז דער **קצות החושן** מיטן **נתיבות המשפט** זענעןביידע געווען אינעם זעלבן דור, און ביידע האבען געמאכט א ספר אויף חושן משפט, און עס איז ביידע ארויסגעקומען כמעט אין איין צייט. און דער **קצות** איז געווארן אנגענומען איבעראל אין אלע מדינות, מיט א גרויס ליבשאפט, עס איז א באטעמ'ט ספר צו לערנען, און דער **נתיבות** איז אויך נתקבל געווארן בכבוד, אבער נישט מיט די התפעלות וואס מען האט אנגענומען דעם **קצות**. און דער **נתיבות** האט געוואוסט דערפון. אמאל האט ער זיך געטראפן מיטן **קצות**, האט דער **נתיבות** געזאגט פארן **קצות**, איך ווייס דעם אמת, אז מיין ספר איז נישט קיין סאך שוואכער פון אייער ספר, אבער גיט מיר צו פארשטיין, פארוואס אין די לומדישע וועלט, איז אייער ספר געווארן מער אנגענומען ווי מיין ספר.

**האט** אים דער **קצות** געזאגט, איך וועל אייך ענטפערן דערויף, אבער איך וויל אייך קודם פרעגן א שאלה. ווען שטייט איר אויף צופרי, און וואס לערנט איר ווען איר שטייט אויף. זאגט אים דער **נתיבות**, איך שטיי אויף פיר פינף פארטאגס, און איך זעץ מיך לערנען, און איך בין מחדש, און איך שרייב אראפ וואס איך בין מחדש. אזוי איז יעדן טאג, ווען איך ענדיג דעם טאג האב איך אפגעשריבען וואס איך האב יענעם טאג מחדש געווען, און דעם אנדערן טאג לערן איך, און איך שרייב ווייטער.

**זאגט** אים דער **קצות**, איך שטייט אויך אויף אין די זעלבע צייט, אבער איך לערן נישט צופרי עפעס אנדערש, א נייע ענין, נאר צופרי ווען די קאפ איז אויסגערוהט, גיי איך איבער וואס איך האב נעכטן געלערנט, און איך בין מסדר דעם נעכטיגען חידוש, אז עס זאל זיין מזוכך ומצורף, אז דער חידוש זאל ארויסקומען מיט א גוטע הסבר. וועגן דעם איז מיין ספר מער אנגענומען געווארן, 'ווייל דו שרייבסט צופרי, און איך מעק צופרי'. איך בין מגיה דאס וואס איך האב געשריבן פון פריער, וועגן דעם איז עס מער אנגענומען געווארן.

*

**דער קצות** האט ארויסגעגעבן אין די יוגנט דעם ספר **שב שמעתתא**, ער איז אלט געווען זיבעצן יאר בשעת ער האט געדרוקט דעם **שב שמעתתא**, און ער שרייבט אין די הקדמה, אז אזוי ווי ביי א ספר תורה איז דא די קלף, די פארמעט, וואס אויף דעם איז געשריבען די תורה שבכתב. און מען קען נישט נעמען יעדע פארמעט, און שרייבן דערויף תורה שבכתב, נאר עס דארף זיין מעובד לשמה, מען דארף עס אויסארבעטן ערליך צו קדושת ספר תורה. און עס מוז זיין געשריבן אויף א קלף וואס איז טהור, און נישט אויף א קלף וואס איז טמא. אזוי איז אויך תורה שבעל פה, עס איז טאקע נישט דא קיין קלף, עס איז נישט דא קיין פארמעט, אבער די מויל מיט וואס דער מענטש לערנט די תורה, דאס איז די קלף פונעם תורה שבעל פה. און כדי אז דער תורה שבעל פה, וואס מען לערנט מיט די מויל, זאל האבען א קדושה, מוז דער מויל אויך זיין א הייליג מויל. דער מויל דארף זיין אויסגעארבעט, עס זאל רעדן נאר דברי תורה, און עס זאל נישט רעדן קיין דברים אסורים. די מויל דארף זיין א קלף כשר, כדי אז מען זאל קענען שרייבען דערויף די תורה שבעל פה. - א מענטש דארף וויסען, אז פונקט אזוי ווי עס איז דא תורה שבכתב, וואס איז געשריבען, און עס איז דא הלכות ווי אזוי עס דארף זיין געשריבען, מיט קדושה און טהרה. די זעלבע איז ביי תורה שבעל פה, אז עס דארף זיין א קדושה אין די מויל וואס לערנט די תורה.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**